**גוט שבת אלע אידן.** דער מעשה איז געשען צוויי יאר צוריק ביי דער מלחמה קעגן די טעראריסטען אין לבנון. כדי צו פארשטיין דעם מעשה, מוז מען מקדים זיין מיט א שטיקעל הספר וועגן דעם מיליטער אין ארץ ישראל. אין ארץ ישראל איז דא אן אנגייענדיגע מיליטער צוזאמען מיט די "מילואים." די "מילואים" זענען פריוואטע מענטשן וואס זענען אמאל געווען סאלדאטן אבער יעצט לעבן זיי נארמאלע לעבן וכו'. מענטשן אין די "מילואים" שטייען גרייט צו ווערן סאלדאטן נאכאמאל אין צייט פון א מלחמה. בקיצור, אין די מלחמה אין לבנון וואס איז לעצטענס פארגעקומען, זענען אסאך מילואים סאלדאטן גערופן געווארן צום מיליטער.

עס איז געווען א געוויסע מילואים גרופע פון זעקס הונדערט אידן וואס זענען "אויפגערופן" געווארן צום קריג דעמאלט. אזוי ווי די גרופע האט זיך שנעל צוזאמענגעשטעלט, האבן זיי נישט געהאט פונקט אלע געהעריגע זאכן און כלים וואס סאלדאטן מוזן האבן פאר מלחמה. דאס וואס זיי האבן נישט געהאט וואס מען דארפט האבן, האט געשטערט פאר זיי אין מלחמה און דער מצב איז געווארן זייער אנגעשטרענגט. די מיליטער איז געווען אזוי פארנומען אז זיי האבן נישט געקענט גוט צושטעלן פאר די מילואים סאלדאטן. צוליב דעם שווערן מצב, האט דער מיליטער געגעבן איין טאג פריי פאר יענע גרופע מילואים סאלדאטן.

די סאלדאטן האבן נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זייערע איין טאג פריי. ווייל עס איז נישט געווען גענוג צייט אהיימצופארן און צוריקצוקומען. חוץ דעם האבן זיי נישט געקענט סתם אזוי גיין אויף א וואקאציע, ווייל זיי זענען געווען דאך סאלדאטן אין מיטן א מלחמה.

אין דעם צפון געגענט פון ארץ ישראל, איז דא א חשובער איד, הרב יצחק דוד גראסמאן שליט"א, וואס האט איבערגעדרייט א פרייע שטעלט "מגדל העמק." ער האט געמאכט דארט א ישיבה און ער איז שטארק מקרב די איינוואוינערען דארט.

בקיצור, האט רב גראסמאן געהערט וועגן די זעקס הונטער סאלדאטן, וואס האבן געהאט א פרייע טאג פונעם מיליטער. נישט וועלן פארפאסן א געלעגענהייט צו טון חסד פאר אידן, האט רב גראסמאן איינגעלאדענט די סאלדאטן צו קומען זיך פארברענגען דעם טאג ביי זיין ישיבה "ישיבת מגדל אור." די סאלדאטן וואס אלע פון זיי זענען געווען פרייע, זענען געוואר געווארן וועגן דעם פארשלאג, אבער זיי זענען נישט אזוי שטארק אינטערעסירט געווען צו פארברענגען זייערע איין פרייע טאג אין א ישיבה!

אבער באמת... וואו האבן זיי געקענט גיין? זיי האבן געשמועסט צווישן זיך. אסאך סאלדאטן האבן מורא געהאט אז רב גראסמאן וועט פרובירן צו מאכן זיי בעל תשובה, דערפאר האבן זיי נישט געוואלט גיין דארט. אבער זיי האבן געטראכט אז ביז זיי וועלן אפמאכן וואס צו טון וועלן זיי שוין פארפאסן זייערע איין טאג פריי! צום סוף האבן זיי אלע "בלית ברירה" מסכים געווען צו גיין צו דער ישיבה!

דערנאך זענען אלע די סאלדאטן געפארן צו דער ישיבה אויף צוועלף באסעס. ווען זיי זענען אראפגעקומען פונעם באסעס האבן זיי געזען ווי עס ססטייט דארט א "חרדי רב" דער רב גראסמאן אליינס, וואס מיט זיין לאנגע ווייסע בארד און לאנגע רעקל האט אויסגעקוקט זייער חשוב פארן סאלדאטן.

רב גראסמאן האט גערופן די סאלדאטן "בחורים" אפילו עטליכע פון זיי האבן שוין חתונה געהאט און עטליכע זענען שוין געווען עלטער. פון אנפאנג, האט רב גראסמאן אויפגענומען די סאלדאטן מיט גרויס ווארעמקייט. זיי האבן הנאה געהאט פונעם ווארעמקייט, אפילו אז ער האט זיי גערופן "בחורים." ווען זיי האבן פארלאזט די ישיבה האבן זיי געפילט אז זיי זענען אלע געווען זיינע בחורים.

רב גראסמאן האט גלייך געהייסן אז די סאלדאטן זאלן גלייך גיין שווימען אים דעם גרויסן "פּול" וואס איז געווען אין דעם געגענט, ווייל עס איז געווען א הייסע זומער טאג אין ארץ ישראל. די סאלדאטן זענען איבערגענומען געווארן מיט גרויס שמחה. זיי זענען געקומען פונעם פעלד נאך א שווערע קריגעריי אין די היץ און די שטויב, וכו'. עס איז געווען א "מחיה" פאר זיי. ווען די סאלדאטן זענען ארויסגעקומען פונעם שווים, האבן זיי געטראפן טישן פיל מיט נייע פרישע קליידער, א זאך וואס זיי האבן נישט געהאט א גאנצע וואך.

נאכדעם וואס זיי האבן זיך שוין אנגעטון מיט די פרישע וועש, האבן זיי געזען ווי מען האט צוגרייט פאר זיי טישן פיל מיט אלע מיני גוטע עסן. אויפן זייט איז געווען א שפיעלער וואס האט געשפילט שיינע מוזיק. דורך אלעס איז דער רב גראסמאן ארומגעגאנגען זיך קענענלערנען די סאלדאטן. די סאלדאטן–"זיינע בחורים," זענען נתפעל געווארן פון די שמחה וואס רב גראסמאן האט געוויזן אויף זיין פנים. שפעטער האט דער שפיעלער געשפילט לעבעדיגע מוזיק און זיי האבן אלע געטאנצען צוזאמען מיט רב גראסמאן. עס איז געווען אן אמת'ע שמחה!

פאר די סאלדאטן זענען געגאנגען שלאפן, האט רב גראסמאן געפרעגט זיי צי עס איז אמת וואס ער הערט, אז עס האט געפעלט זיי וויכטיגע כלים און זאכן וואס זיי האבן געדארפט האבן פאר די מלחמה. זיי האבן געזאגט צו אים אז עס פעלט זיי טאקע אסאך וויכטיגע זאכן און דאס האט געשאט פאר זיי ביים קריגעריי. רב גראסמאן האט צוגרייט פאר זיי פאפיער מיט עטליכע בלייפעדער און ער האט געבעטן אז זיי זאלן שרייבן אלעס וואס עס פעלט זיי.

נאכדעם זענען די סאלדאטן געגאנגען שלאפן אויף פרישע ריינע בעטגעוואנט אין דעם דארמעטורי. די "עיר קאנדיטשענען" האט זייער גוט געארבעט. עס איז א מחיה געווען פאר זיי ווייל זיי האבן געשלאפן אויפן הארטע ערד אין דעם היץ די גאנצען וואך.

אין די פרי האבן די סאלדאטן געזען א "נס." רב גראסמאן האט צוגעשטעלט איבער 200,000 ₪ (בערך $60,000) ווערט פון זאכן וואס זיי האבן געפעלט אין מלחמה. לעבן דעם אין געווען א צעטל אויף וואס רב גראסמאן האט געשריבן "צו מיין טייערע סאלדאטן, מיט מיין גאנצע הארץ!" די סאלדאטן זענען נאכאמאל איבערגענומען געווארן פון דער רב'ס ווארעמקייט. דורך טון די חסדים האט רב גראסמאן געוויזן צו זיי אפשר די גרעסטע ליבשאפט וואס זיי האבן געשפירט אין זייערע גאנץ לעבן.

נאכדעם אבער האבן די סאלדאטן געהערט וועגן א גרויסע "סורפרייז" וואס רב גראסמאן האט צוגרייט פאר זיי. ער האט געזאגט אז זיי גיין משתתף זיין אין א "הכנסת ספר תורה" יענע טאג אין די ישיבה! רוב די סאלדאטן האבן קיינמאל נישט געזען א הכנסת ספר תורה. בעפאר זיי האבן אנגעפאנגען די גרויסע מעמד, האט רב גראסמאן גערעדט צו די סאלדאטן זאגענדיק, "בחורים... איר זאלט וויסן אז איר האט א גרויסע זכות צו קענען אלע שרייבן אן אות אין די ספר תורה, און די זכות וועט אייך ביישטייען. ווען יעדען איינער פון אייך וועט ווערן אויפגערופן צו שרייבן דיין אות, זאלט איר מתפלל זיין אז די זכות פון דיין אות זאל זיין טאקע א שילד פאר אייך אין מלחמה..."

די סאלדאטן האבן ממש געוויינט פון התרגשות... א "וועג" מיט לייטס און מוזיק איז געפארן שטאט אין פראנט פון זיי בשעת זיי זענען געגאנגען אויפן גאס מיט די ספר תורה. רב גראסמאן האט געהאלטן דעם ספר תורה אינטער א חופה. די סאלדאטן האבן געטאנצט און געוויינט פון שמחה. יעדער איינער האט משתתף געווען. עס איז געווען מוראדיג.

איינער פון די סאלדאטן האט אהיימגערופן צו זיינע עלטערן און ער האט דערציילט צו זיין מאמע, "מאמי... דו קענסט מיך, איך האלט נישט קיין שבת, נישט קיין כשרות, גארנישט! איך בין חילוני לגמרי... אבער די "הכנסת ספר תורה" איז געווען דאס מערסט מוראדיגע זאך וואס איך האב געטון אין מיין לעבן! צו קענען שרייבן אן אות אין השם'ס הייליגע תורה! איך האב קיינמאל נישט געהאט אזא התעוררות. מאמי, איך קען עס נישט גלייבן!"

נאכדעם איז געקומען די צייט ווען די סאלדאטן האבן געדארפט שוין צוריקפארן צו דער מלחמה. רב גראסמאן האט געבען פאר יעדער סאלדאט א האלבע שקל און ער האט מסביר געווען דעם ענין פון זיין א שליח מצוה, בעטענדיג פון זיי אז זיי זאלן געבען דעם האלבע שקל צו צדקה ווען זיי וועלן אהיימקומען פון דער מלחמה. *המשך יבוא...*

אין די פרשה די וואך רעדט מען וועגן דעם גרויסקייט פון "אחדות." דורך דעם וואס קרח האט זיך געהאלטן גרויס, האט ער צושטערט דעם אחדות אין כלל ישראל. מען זעט פון דעם מעשה ווי רב גראסמאן האט פארמערט אחדות צווישן אידן דורך טון זיין חסדים מיט די סאלדאטן. מען קען זיך אפלערנען פון דעם מעשה, ווי וויכטיג עס איז צו ווייזן א ווארעמקייט צו אידן פון אלע קרייזן. דורך דעם, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו לעבן בשלום אין אונזער הייליגען לאנד מיט ביאת גואל צדק. **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ ר' שלום בן ר' יעקב צבי ע"ה וזלאטע בת ר' צבי ע"ה

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילד צבי אלימלך בן שיינדל, הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים, לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל. **נא לעיין בדף זה לאחר התפילה.** לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)

מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."